ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאַנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 58

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען איך זיך אויסקומען מיט מיין טאטע?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א יונגער בחור, איך לערן ב"ה אין א גוטע ישיבה, און איך הער אסאך די שיעורים אויפ'ן טעלעפאן. יישר כח.*

*איך האב א פראבלעם וואס שטערט מיר זייער שטארק. מיין טאטע איז א גרויסער ביזנעס מאן, און ער איז זייער פארנומען און איבערגעשטרענגט כסדר. אסאך מאל ווען ער קומט אהיים שרייט ער אויף מיר קולות וברקים, און אסאך מאל רעדט ער יא זייער שיין צו מיר, ער נעמט מיר ארום און שמועסט שיין מיט מיר, אבער נאכדעם איז ווידער צוריק צום שרייען, ער שרייט ווייטער מיט קולות וברקים אויף מיר. און אזוי גייט עס אלץ אהין און צוריק.*

*איך שפיר אז איך ווער ממש צעריסן פון דעם, און בעט דעם ראש ישיבה שליט"א מיר מחזק צו זיין און זאגן וואס איך דארף צו טון.*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שלח, כ"ב סיון, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### אפילו דו ביסט הונדערט פראצענט גערעכט

איין זאך בעט איך דיר, זאלסט קיינמאל נישט ענטפערן מיט חוצפה פאר דיינע עלטערן ווען זיי שרייען אויף דיר; עס איז א גרויסע עבירה אויב מען איז זיך מתחצף פאר די עלטערן און מען באקומט אויף דעם א גרויסער עונש השם ישמרינו. עס איז נישט קיין חילוק ווער עס איז גערעכט, אפילו דו ביסט הונדערט פראצענט גערעכט טאר מען נישט צוריק ענטפערן פאר טאטע מאמע.

### נעם עס נישט פערזענליך

בנוגע דיין טאטע וואס שרייט אויף דיר וכו' און דו שפירסט ממש ווי דו ווערסט צעריסן פון דעם; נעם נישט פערזענליך ווען איינער שרייט אויף דיר וועט דיר עס נישט אזוי וויי טון.

דער עיקר פון וואס דו ווערסט צעריסן ווען מען שרייט אויף דיר איז ווייל דו נעמסט עס פערזענליך און דו מיינסט אז דאס איז דיין פראבלעם, יעדעס מאל ער שרייט אויף דיר ווערסטו פון דעם אראפגעקלאפט, ער מאכט דיר שפירן ווי דו ביסט א פעלער וכו'. אבער אז דו ווערסט אריין נעמען ביי דיר אין קאפ אז דו ביסט נישט שולדיג, נאר וויבאלד דיין טאטע איז פשוט איבער געשטערענגט וכו' שרייט ער און באזידלט דיר, וועט דאס דיר בכלל נישט שטערן.

### זיין חיות איז נישט געבויעט אויף מענטשן

איך ווייס פון א ברסלב'ער חסיד וואס האט אסאך מחלוקת, יש דורשין אותו לשבח ויש דורשין אותו לגנאי, טייל מענטשן רימען אים כסדר און א טייל שפעטן פון אים, זאגט דער ברסלב'ער חסיד שטענדיג: **"ווען מענטשן רימען מיר ווער איך נישט נתפעל דערפון כדאי אז ווען מען וועט לאכן פון מיר זאל מיר דאס נישט צעברעכן". "איך ווייס קלאר - זאגט דער ברסלב'ער חסיד - אז די וואס שרייען און צעקלאפן א צווייטן איז דאס זייער אייגענע חסרון, זיי דארפן נאך אביסל אויסארבעטן זייערע מידות, און ווידעראום די וואס רעדן שיין און קאמפלימענטן איז דאס איז זייער אייגענע מעלה"**, זיין גאנצע חיות איז פונעם אייבערשטן און איז נישט געבויעט אויף מענטשן; פרוביר אויס דעם וועג וועסטו לעבן פרייליך און צופרידן, דו וועסט נישט ווערן צעבראכן פון קיינעם אויף די וועלט.

### זינג דעם ניגון - וועט דיר זיין גרינגער דאס לעבן

נעם אריין אין זיך די אמונה און חזר זיך א גאנצן טאג די ווערטער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", זינג עס מיט'ן ניגון, זינג עס אויף דיין שפראך, אויף אידיש: "אלעס איז דער אייבערשטער; עס איז נישט דא קיין טבע, מקרה, מזל, נאר אלעס איז ער; קיינער קען גארנישט טון אן דעם וואס דער אייבערשטער זאל אזוי באפעלן", דורכדעם וועט דיר זיין גרינגער דאס לעבן. נאכאמאל בעט איך דיר און איך ווארן דיר, זאלסט קיינמאל נישט ענטפערן פאר דיינע עלטערן מיט חוצפה, אפילו זיי זענען נישט גערעכט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## דער גבאי פון שול האט מיר זייער פארשעמט, זאל איך צוריקגיין אהין?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך דאווען אין א גרויסע שול אין מיין געגנט, די וואך האט איינער עפעס שאדן געמאכט פאר די שול, און דער שמש האט באשלאסן אז איך האב עס געטון, און לכבוד דעם האט ער מיר זייער שטארק פארשעמט אין פארנט פון יעדן מיט מורא'דיגע בזיונות, און אפילו מברר זיין צי ס'איז אמת. איך בין געווארן פון דעם אזוי צובראכן אז נעכטן האב איך געדאוונט מנחה מעריב אינדערהיים, איך האב זיך פשוט געשעמט צו גיין אין שול.*

*איך טראכט נישט אזוי שנעל צוריקצוגיין אהין ווי לאנג ער קומט מיר נישט איבערבעטן. וואס זאל איך טון?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וארא, כ"ד טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

גיי צוריק דאווענען אין שול און מאך נישט קיין עסק פון דעם וואס דער גבאי האט דיר פארשעמט.

### שווייגן איז אונזער זאך

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אז מען ווערט פארשעמט און מען שווייגט אפ, דאס איז דער עיקר ווי אזוי מען טוט תשובה; מוהרא"ש האט דערציילט אז אמאל איז דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה געגאנגען מיט איינעם פון אנשי שלומינו צום הייליגן רבינ'ס ציון, אויפן וועג איז צוגעקומען א מתנגד און געווארפן אויפ'ן טשערינער רבי א שטיק צואה, דער טשערינער רב איז געגאנגען מיט א שיינע זיידענע בעקיטשע און די בעקיטשע איז אים פארשמירט געווארן, ער האט זיך אבער נישט וואוסנדיג געמאכט פון דעם נאר ער איז ווייטער געגאנגען, אבער דער אנדערער וואס איז מיטגעגאנגען מיט אים האט זיך אויסגעדרייט צו דעם מתנגד און אנגעפאנגען שרייען: "שגץ!" וכו' און דער מתנגד האט צוריק געשריגן וכו', האט דער טשערינער רב אים אנגעכאפט און געזאגט: "שווייג, דאס איז דאך אונזער זאך", און ער האט צוגעלייגט: "אויב א מענטש שווייגט אפ אויף בזיונות איז ער זוכה צו גאר שיינע זאכן אויף די וועלט".

### איך קום אין שוהל נאר צום אייבערשטן

בלייב דאווענען אינעם שול וואו דו דאוונסט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", ווער עס איז זיך קובע א פלאץ וואו צו דאווענען בקביעות, וועט דער אייבערשטער וואס האט געהאלפן אברהם אבינו אים אויך העלפן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און ווען דער מענטש שטארבט זאגט מען אויף אים ביים הספד: ווי פאר דעם עניו וואס איז נפטר געווארן, ווי פאר דעם חסיד וואס איז נפטר געווארן, ער איז געווען פון די תלמידים פון אברהם אבינו; זעט מען דאס גרויסקייט פון דער וואס בלייבט דאווענען אינעם זעלבן שול, ער קוקט נישט אויב מען פארשעמט אים, ער קוקט נישט אויף קיינעם, ער קומט אין שול צום אייבערשטן, דאס איז א סימן אז דער מענטש איז א "עָנָיו" און א "חָסִיד", אזא מענטש איז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", ווייל אויב וואלט ער נישט געווען קיין עניו, וואלט ער שוין לאנג אוועק געלאפן פון דארט, נאכדעם וואלט ער אוועקגעלאפן פון דעם אנדערן שול און אזוי ווייטער.

> **"ווען מענטשן רימען מיר ווער איך נישט נתפעל דערפון כדאי אז ווען מען וועט לאכן פון מיר זאל מיר דאס נישט צעברעכן, איך ווייס קלאר אז די וואס שרייען און צעקלאפן א צווייטן איז דאס זייער אייגענע חסרון, זיי דארפן נאך אביסל אויסארבעטן זייערע מידות, און ווידעראום די וואס רעדן שיין און קאמפלימענטן איז דאס איז זייער אייגענע מעלה"**

אבער ווען א מענטש איז א עניו, ער ווייסט ביי זיך: **'איך בין גארנישט, איך דארף גארנישט, איך האב גארנישט און איך וויל גארנישט; איך קום נישט צו קיינעם דא אין שול, איך קום נאר צום אייבערשטן'**, דאס איז א סימן פון אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי קען איך אוועקווארפן מיינע שלעכטע געוואוינהייטן?**
**ווי אזוי שפירט מען א טעם אין תורה, ווען מאוויס איז מיר געשמאקער?**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**